# 6טע פֿאַריזער אינטענסיווע זומערקורסן פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור

**(פֿאַריז, פֿון 13טן ביזן 31סטן יולי 2009)**

## סטיפּענדיעס

געוויסע סטודענטן וועלן קריגן צוגעטיילט סטיפּענדיעס. די סטיפּענדיעס זענען באַשרענקט אין צאָל און אין באַטרעף. דעריבער לייגן מיר פֿאָר די אַפּליקאַנטן זיך צו ווענדן אויך צו זייער אוניווערסיטעט און צו אַנדערע אינסטיטוציעס וואָס זענען מסוגל זיי צו שטיצן פֿינאַנציעל.
וויכטיק : דער סטודענט וואָס קריגט אַ סטיפּענדיע איז זיך פֿאָרמעל מתחייבֿ צו באַזוכן רעגולער אַלע לימודים פֿונעם זומערקורס און צוריקצוצאָלן די סטיפּענדיע טאָמער ער באַשליסט צו פֿאַרלאָזן דעם זומערקורס איידער ער ענדיקט זיך.

אויב איר ווילט אַפּליקירן אויף אַ סטיפּענדיע דאַרפֿט איר אויספֿילן די פּרטים אונטן. איר דאַרפֿט אויך אויספֿילן דעם אײַנשרײַב־בויגן אויף די 6טע פֿאַריזער אינטענסיווע זומערקורסן פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.

נאָמען און פֿאַמיליע :

עלטער :

אַדרעס :

אוניווערסיטעט אָדער אַנדער לערן־אַנשטאַלט :

בײַ וועלכן שטאַפּל אין אײַערע לימודים האַלט איר ?

איך אַרבעט פֿולצײַטיק ... טיילצײַטיק ... ווי אַ

נאָמען פֿונעם אַרבעטס־געבער
שטאָט

וויפֿל יאָר געלערנט ייִדיש, ווו, מיט וואָסערע לערערס ?

צי זענט איר זיך פֿאָרמעל מתחייבֿ צו באַזוכן רעגולער אַלע לימודים פֿונעם זומערקורס ?

צי זײַט איר וויליק מיטצוהעלפֿן בײַ קאָנקרעטע קליינע אַרבעטן אַרום דעם קורס ?

איר ווערט געבעטן צולייגן צו דער אַפּליקאַציע אַ פּערזענלעכע ווענדונג פֿון אַרום 500 ווערטער דערקלערנדיק צוליב וואָס איר ווילט באַזוכן די 6טע פֿאַריזער אינטענסיווע זומערקורסן פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. שטעלט פֿאָר גענוי אין וואָס באַשטייט אײַער אינטערעס פֿאַר ייִדיש, וואָס פֿאַר אַ ראָלע די שפּראַך שפּילט אין אײַער פּראָפֿעסיאָנעל לעבן אָדער אין אײַערע אוניווערסיטעט־לימודים.
גיט אָן גענוי פֿאַר וואָס איר נייטיקט זיך אין אַ סטיפּענדיע, און אויף וואָס פֿאַר אַ באַטרעף (שׂכר־לימוד - פֿול אָדער צום טייל, וווינ־הוצאָות, רײַזע־הוצאָות). נאָר אין אויסנאַם־פֿאַלן קען די סטיפּענדיע דעקן וווינ־ און רײַזע־הוצאָות.
אויב איר ווילט זיך אײַנשרײַבן אויפֿן העכערן קורס אָדער אויפֿן ליטעראַטור־סעמינאַר, זאָלט איר אײַער ווענדונג אָנשרײַבן אויף ייִדיש.
איך נעם אין באַטראַכט אַז די סטיפּענדיע און דער דיפּלאָם ווערן צוגעטיילט מיט געוויסע באַדינגען. איך בין זיך מתחייבֿ צוריקצוצאָלן דעם באַטרעף פֿון דער סטיפּענדיע אין פֿאַל ווען איך זאָל נישט נאָכפֿאָלגן די לימודים פֿונעם זומערקורס ביזן סוף, אָדער זיי נישט באַזוכן רעגלמעסיק. אין אַזאַ פֿאַל וואָלט מיר אויך נישט געקומען קיין דיפּלאָם.

חתימה　　　　　　　　דאַטע